# צום פינטל

גליון נ
פרשת נח תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

שבע מצות בני נח - והיתר מלחמה

### די סאושעל וועלט

אין די פרשה שטייט די מעשה פון די 'מבול', אז די גוים האבן זיך נישט אויפגעפירט ווי עס דארף צו זיין, זיי האבן נישט מקיים געווען די 'שבע מצות בני נח', האט דער אייבישטער געברענגט אויף זיי א מבול. די 'שבע מצוות' האט דער אייבישטער געגעבן פאר די מענטשהייט זי זאל האבן א קיום, פאר כלל ישראל האט דער אייבישטער געגעבן די תורה צו זוכה זיין דורך דעם צו 'עולם הבא', און פאר די 'בני נח' האט ער געגעבן די 'שבע מצוות' פשוט פאר די קיום פון 'עולם הזה', אז די בריאה זאל פארן, די בריאה זאל ראנען און פאנקטשענען.

די וועלט איז צוטיילט און צוויי, די פיזיקל און די סאושעל, און זיי זענען אנגעבינדן איינער אין די אנדערע, די פיזיקל - די טבע הגשמי פון די וועלט, האט דער אייבישטער אנגעבינדן אין די 'סאושעל' - אין די נארמאלקייט צווישן מענטשן. אויב דער מענטשהייט פירט זיך ווי עס דארף צו זיין, די 'סאושעליזם' צווישן זיי איז גוט אָן קיין השחתות און בלבולים 'בין אדם לחבירו', דאן פירט זיך אויך די 'פיזיקל' - די גשמיות'דיגע טבע, ווי עס דארף צו זיין, אבער אויב די 'סאושעליסטישע' וועלט איז מושחת, דאן איז אוטמאטיש אויך די גשמיות'דיגע וועלט מושחת, און ווען דאס גייט אריבער אלע גרעניצן, דאן קומט א 'מבול' וואס מעקט אלעס אפ.

נאך די מבול האט זיך אנגעפאנגען א פרישע וועלט, א פרישע 'פיזיקל' גשמיות'דיגע וועלט, מ'האט אלעס געדארפט אנפאנגען בויען פון פריש, און אזוי אויך די 'סאושעל' וועלט צווישן די מענטשהייט האט זיך פון פריש אנגעפאנגען, דער אייבישטער האט פון פריש מחייב געווען נח מיט זיינע קינדער צו מקיים זיין די שבע מצוות, די 'סאושעל וועלט' איז פון פריש אוועקגעשטעלט געווארן גוט און נארמאל, און אזוי ווערט עס פאררופן אויף אלע דורות אויף די נאמען פון נח, 'שבע מצוות בני נח' וואס דאס גיט דעם טאון פון נארמאלקייט צווישן מענטשן.

**די וועלט איז צוטיילט און צוויי, די פיזיקל און די סאושעל, און זיי זענען אנגעבינדן איינער אין די אנדערע, די פיזיקל - די טבע הגשמי פון די וועלט, האט דער אייבישטער אנגעבינדן אין די 'סאושעל' - אין די נארמאלקייט צווישן מענטשן**

### שבע מצות והשחתת העולם

די 'שבע מצות' זענען עבודה זרה, גזל, רציחה, עריות (אשת איש), פריה ורביה וגו'. גזל רציחה און עריות (אשת איש) איז דאך פשוט אז אָן דעם איז די וועלט א צופאלענער זאך, אָן דעם איז נישט שייך במציאות אז די וועלט זאל ממשיך זיין, און אזוי אויך די מצות עשה פון 'פרו ורבו' איז אויף צו מיישב זיין די וועלט, 'לא תהו בראה לשבת יצרה', דער אייבישטער האט נישט באשאפן די וועלט סתם אזוי, ער האט א תכלית, זיין 'תכלית' איז צו מיישב די וועלט, אויב איז נישט די ריכטיגע התיישבות העולם, דאן איז די גאנצע וועלט איבריג.

און אזוי אויך 'עבודה זרה' וואס דאס איז די עיקר פון די 'שבע מצות', דאס איז אויך אז די מענטשהייט זאל האבן א קיום, ווייל 'כל זמן וואס ס'איז דא 'עבודה זרה בעולם', איז אויטאמאטיש דא 'השחתה בעולם', ווי ס'איז מבואר אין חז"ל אז דינען עבודה זרה איז נאר מתיר צו זיין עריות, און ווי ס'איז באקאנט אין מורה נבו' אין חלק ג', ווי ער איז מאריך אין די גנות פון די עובדי עבודה זרה, אז דאס איז געווען מתיר צו זיין כל דבר אסור, און אזוי איז אויך באקאנט היינט אין די ארכילוגישע וועלט, וואס מ'זעט ממש קלאר ווי מושחת די גוים 'עובדי עבודה זרה' זענען געווען.

עבודה זרה מיט השחתה זענען נישט צוויי זאכן, דאס איז איין זאך ממש, ס'איז א שכל'דיגע און פשוטע זאך אז ס'איז נישט דא קיין גרעסערע משחית און מהרס פאר די 'קיום העולם הגשמי' ווי עבודה זרה, ווייל אויב די ביסט דער וואס מאכט אפ ווער דיין אפגאט זאל זיין, מאכסטו דאך אויך אפ וואס די תורה זיינער זאל זיין, און ס'איז פשוט אז די מאכסט עס אפ לויט דיינע נגיעות און השחתות, און אלעס 'מתחלתו ועד סופו' איז תלוי בידך.

און אזוי איז טאקע באקאנט סיי פון די תורה און אויך להבדיל א"ה פון די היסטוריא און אויך פון 'ארכילוגיא' אז דאס איז טאקע געווען די מציאות ביי אלע עובדי עבודה זרה, אז זיי האבן גענוצט די 'עבודה זרה' מתיר צו זיין אלע דברים המושחתים.

ס'איז באקאנט אז די מיסלעמענער און די קריסטן האבן געטון די גרעסטע השחתות אין די היסטוריא, סיי פאר די גאנצע וועלט בכלל, און במיוחד פאר די יודן, כאטש וואס זיי האבן אופצעיל גענומען אויף זיך די שבע מצוות, וואס די מצוות זענען דאך מקיים די וועלט. אבער זיי האבן עס גענומען אליין, נישט ווייל די תורה איז דאס מחייב.

### אייגענע שבע מצוות

ס'איז באקאנט וואס אלע לומדים זענען מדייק פון רמב"ם (סוף הלכות

המשך בעמוד הבא

מלכים) אז די גאנצע 'שבע מצוות' ביי די גוים, איז נאר אויב זיי זענען עס מקיים מצד די יודן, זיי זענען עס מקיים צו זיין אונטער די יודישע תורה, זיי זענען עס מקיים ווייל דער אייבישטער האט געהייסן פאר משה צו באפעלן די גוים מיט די שבע מצוות, אבער אויב די גוים נעמען עס אליין, און 'כל שכן' אויב זיי טיילן זיך בדוקא אפ פון די יודן, דאן וועט די 'שבע מצוות' זיי גאר נישט העלפן צו מקיים זיין די וועלט, אדרבא ואדרבא די 'שבע מצות' גופא וועט זיין איין שטיק השחתה, די שבע מצוות וועט זיי 'קלאמפיש' מתיר זיין צו טון אלעס שלעכטס ח"ו.

ס'איז באקאנט אז 'עבודה זרה' אמאליגע צייטן פלעגט מתיר זיין אלע 'השחתות', די זעלבע זאך יעדער אייגענע גלויבינג, אפילו מ'קומט מיט די 'שבע מצות', אבער אויב איז עס מיט א אייגענע גלויבינג, איז דאס כעין 'עבודה זרה', אזוי ווי 'עבודה זרה' איז ער דער גוי אליינס דער וואס שטעלט אוועק די עבודה זרה, און צוזאמען מיט דעם איז ער וואס שטעלט אוועק די גאנצע תורה פון די עבודה זרה, די זעלבע זאך איז מיט יעדער גלויבינג וואס דער גוי שטעלט אליינס אוועק. אויב איז ער אליינס דער וואס שטעלט אוועק די שבע מצוות, ער קומט נישט מיט די ביטול צו די תורה, דאן איז דאס גארנישט ווערט, דאס טוט זוכער נישט אפהוטן די וועלט פון השחתה.

(ידוע דברי הרדב"ז - מובא בפתחי תשובה סימן קנז - אז אפילו די מיסלעמענער דינען נישט קיין עבודה זרה, איז דא א חיוב 'מסירת נפש' אלץ דעם אליינס וואס ס'איז א גאנצע גלויביג פאר זיך. והנוגע לענינינו אז אויף דעם אופן איז עס משחית די וועלט, ס'איז נישט ווי א גוי וואס איז מקבל די שבע מצות בני נח פונעם יוד).

בעצם ווערט דער מענטש באשאפן מיט א געפיל אנטקעגען 'השחתה', די שבע מצוות בני נח זענען אריינגעבויט אין די מציאות הגוף והנפש, דער געוויסן דער געפיל לאזט נישט עוסק זיין אין אזעלכע נידריגע זאכן, אבער ס'איז דא איין זאך וואס קען פארדעקן דעם געפיל, און דאס איז דער 'גלויבינג' אין עבודה זרה, וואס דאס פארדעקט דעם נידריגען געפיל, ס'פארדעקט דעם געפיל פון בזיון, די עבודה זרה רעדט איין דמיונות, און דער 'מושחת' רעדט זיך אז מיט זיין השחתה טוט ער גאר די בעסטע זאך. און דאס איז נישט נאר עבודה זרה נאר יעדער 'גלויבינג' וואס מענטשן האבן אליינס אויפגעמאכט, איז דאס צו פארדעקן צו קענען טון שפלות'דיגע זאכן, די געוויסן זאל לאזן טון שפלות'דיגע זאכן.

קומט אויס אז די איסור פון 'עבודה זרה' און די 'שבע מצוות', איז פשוט צו ראטעווען די וועלט פון השתחה, אז די 'סאושעל וועלט' זאל קענען אנגיין ווי עס דארף צו זיין. און ווי געשמועסט אז צוזאמען מיט דעם גייט אויך מיט די 'פיזיקל וועלט', אויב די 'סאושעל וועלט' צווישן די מענטשן איז גוט, איז אויך די 'פיזיקל וועלט' גוט, און ווי געשמועסט אז וויבאלד מ'האט נישט מקיים די 'שבע מצוות', איז געקומען א מבול וואס האט משחית געווען אויך די פיזיקל וועלט.

## שפיכת דמים פאר בני נח

איינער פון די שבע מצות איז רציחה און 'שפיכת דמים', ווי ס'שטייט די וואך אין די פרשה, די תורה זאגט (בראשית ט) "ואך את דמכם לנפשתיכם אדרוש, מיד כל חיה אדרשנו, ומיד האדם, ומיד איש אחיו אדרוש את נפש האדם, שופך דם האדם באדם, דמו ישפך, כי בצלם אלקים עשה את האדם".

ס'איז דא כמה זאכן וואס 'בני נח' זענען אנדערשט ווי אונז מיט די איסור פון 'שפיכת דמים', און ס'איז מבואר אין מסכת סנהדרין אז בני נח זענען חייב מיתה אויך אויף 'הורג את הטריפה', און אויף 'מצמצם', און אויך אויף 'הורג עיבור', דארף מען פארשטיין די יסוד הדבר פארוואס בני נח זענען אנדערשט פון אונז מיט די זאכן.

די מצוות התורה וואס דער אייבישטער האט געגעבן פאר יודישע קינדער גייט צו מיט שכל, און די 'שבע מצוות' וואס דער אייבישטער האט געגעבן פאר די גוים גייט צו 'געפיליש', ס'מעסט זיך לויט ווי די וועלט קוקט דאס אָן, ווייל די גאנצע שבע מצוות איז דאך אויף 'ישוב העולם', ממילא גייט דאס צו מיט די וועלטליכע געפיל, און היות 'געפיליש' איינער וואס האט געהארגעט א טריפה הייסט געהארגט, וועט דאס הייסן געהארגט כלפי די שבע מצוות, כאטש וואס על פי לומד'יס און שכל הייסט דאס נישט קיין רציחה.

א טריפה איז טאקע נישט קיין 'בר קיימא', אבער 'געפיליש' איז דאס א מעשה רציחה, פאר מיינע אויגען איז געשטאנען דא א מענטש וואס האט געלעבט, און די האסט אים געהארגט, ביסטו א רוצח.

די זעלבע זאך איז מיט א 'עיבור', על פי לומד'יס קען מען זאגען אז א 'עיבור' איז נישט גענוג 'חי', מ'איז נישט חייב מיתה ווייל מ'האט נישט געהארגעט א 'בר קיימא'. דאס איז אלץ שכל'דיג און לומד'יש על פי תורה, אבער 'געפיליש' איז נישט אזוי, געפיליש איז געווען דא א לעבעדיגע 'עיבור', און די האסט אים געהארגט. און די זעלבע זאך ביי 'מצמצם', לומד'יש קען מען זאגען אז מ'איז נאר א גורם, אבער 'געפיליש' גייט מיך דאס נישט אָן, למעשה האסטו אים געהארגט.

דער שואל ומשיב (מהדורא חמישאה ח"א סי' י') זאגט אז ס'איז דא א חילוק פון 'שפיכת דמים' ביי א יוד, און 'שפיכת דמים' ביי א גוי, שפיכת דמים ביי א יוד איז דער איסור אויפן 'נרצח', און שפיכת דמים ביי א גוי איז דער איסור אויפן 'רוצח', און מיט דעם איז ער מסביר די פריערדיגע זאכן, פארוואס א יוד איז פטור ווערן ער האט געהארגעט א גוסס אדער א טריפה און א גוי איז חייב, ווייל דער 'נרצח' איז דאך א טריפה און ער שטייט ממילא למיתה, מה שאין כן ביי א גוי וואס דער איסור איז אויף דער 'רוצח', מאכט עס נישט אויס צו דער 'נרצח' איז א 'טריפה' אדער א 'עיבור', און מ'איז חייב בכל אופן.

לויט ווי געשמועסט איז פשט אז 'געפיליש' איז דאס נאך אלץ א מעשה רציחה, און די שבע מצוות ביי א גוי גייט צו 'געפיליש', ס'גייט צו מיט די וועלטליכע קוק.

דער אגרות משה (חו"מ חלק ב' סי' ע"ד אות ב') שטעלט זיך אויף די גמרא אין עבודה זרה (יח) ביי די מעשה פון רבי חנינא בן תרדיון פון די עשרה הרוגי מלכות, וואס ער האט נישט געוואלט אליינס מקרב זיין זיין מיתה, אבער ער האט געזאגט פארן 'תליון' אז ער וועט זוכה זיין צו עולם הבא אויב ער וועט אים מקרב זיין זיין מיתה. שטעלט זיך די קשיא אויב מעג ער נישט אליינס, ווי אזוי מעג ער הייסן דעם גוי, וואס טוט זיך מיט שפיכת דמים.

זאגט דער אגרות משה אז ס'קען זיין אז 'שפיכת דמים' ביי א גוי גייט נישט

המשך בעמוד האחרון

## היסטוריא על הסדר

אין די פרשה לערנט מען די היסטוריא פון די מענטשהייט נאכן 'מבול', ווי זיי האבן זיך צושפרייט אויף זיבעציג אומות. איז לאמיר זען אפּאָר נקודות וועגען 'היסטוריא', אונז וועלן רעדן וועגען צוויי וועגען פון רעדן היסטוריא, מ'קען רעדן אויף א סדר פון די יארן (קשר כרונולוגי), און מ'קען זיך באציען אויף א נקודה. אויך וועל מיר זען פארוואס די גוישע 'היסטוריא' איז מער 'נעגעטיוו' געגויגט, און וואס איז די תכלית פון היסטוריא בכלל.

די פשוט'ע וועג פון רעדן 'היסטוריא' איז על הסדר (קשר כרונולוגי), מ'גייט אויף די סדר השנים, מ'גייט אדורך די גאנצע סדר, מ'קען אנפאנגען פון 'ששת ימי בראשית' און גיין ווייטער, איין יאר נאכן צווייטן, וואס איז געווען די ערשטע יאר, די צווייטע יאר, און אזוי ווייטער און ווייטער. און אין יעדעס יאר זעלבסט קען מען גיין על הסדר, וואס איז געווען די ערשטע טאג אין יאר, די צווייטע טאג אין יאר, די ערשטע חודש די צווייטע חודש און אזוי ווייטער.

און אזוי גייט די היסטוריא אין די תורה, די תורה פאנגט אן ביי 'ששת ימי בראשית' און אזוי ריקט מען זיך על הסדר, פרשה נאך פרשה, ס'לויפט איין זאך נאך די אנדערע לויט די סדר ווי אזוי זיי האבן פאסירט דורך די יארן, די תורה זאגט נישט אלעמאל פונקטליך וועלכע יאר מ'שטייט, די תורה גייט נישט מיט די 'תאריכים' פון ששת ימי בראשית, אבער די תורה ריקט זיך על הסדר איינס נאכן צווייטן, בערך לויט ווי אזוי ס'האט פאסירט.

מ'ווייסט אז ס'איז דא וואס האלטן 'אין מוקדם ומאוחר בתורה', אבער דאס איז נאר אין געוויסע פרטים, אבער בכללות על פי רוב גייט די תורה אויף א כרונוליגישע סדר. (כמבואר ברמב"ן במדבר ט"ז א 'על דעתי כל התורה כסדר, זולתי וכו''. וכן מבואר בהרבה מפרשים).

## היסטוריא שלא על הסדר

די אנדערע וועג איז אז מ'רעדט די היסטוריא פון גרויסע זאכן וואס זענען געשען, מ'רעדט פון גרויסע מענטשן, פון גרויסע לייט, פון גרויסע געשעענישן ווי מלחמות מגיפות וכדומה, פון די מלכים און די באקאנטע גרויסע פיגארען, וואס די גרויסע זאכן געדענקט מען און ס'חזר'ט זיך גרינג איין, און איינמאל מ'געדענקט די גרויסע זאכן, איז שוין גרינגער צו געדענקן די קלענערע זאכן ארום ארום.

למשל אז מ'געדענקט אז דער בעל שם טוב איז אוועק אין יאר תק"כ, איז שוין גרינגער צו געדענקן די ערשטע דור פון חסידות, צו וויסן בערך ווי מ'שטייט, און אזוי האט מען אויך א שטיקל הרגשה און די צווייטע דור, און אזוי ווייטער, ס'בויט זיך א 'נקודה' מיט זיין ארום, א שפיץ און א שורש מיט אלעס וואס האט א שייכות מיט דעם פון ארום ארום.

אז מ'געדענקט ווען 'גירוש שפאניע' איז געווען - ה' אלפים רנב, העלפט דאס צו געדענקן פיל פרטים ארום ארום, למשל ווען ס'האט זיך צו וואקסן די ישוב אין צפת, וואס דאס איז געווען פון די פלטים פון שפאניע, און אזוי ווייטער און ווייטער.

דאס איז בעצם א 'יסוד' אויף אסאך זאכן, אבער במיוחד איז דאס ביי 'היסטוריא', 'היסטוריא' ארבעט אזוי אז ס'איז דא שטארקע פונקטן וואס אלעס דרייט זיך ארום דעם, א מלחמה וכדומה וואס שלעפט באמת מיט מיט זיך גאר אסאך, איז ממילא איז דאס א גוטע וועג צו לערנען היסטוריא, צו זען די נקודה פון פיל מעשים ארום ארום, און הגם ס'איז נישט על הסדר האט עס אבער א מעלה אז ס'איז גרינג צו געדענקן, מ'געדענקט די דאטום'ס פון די שטארקע זאכן, און אלעס ארום ארום קלעבט זיך צוביסלעך.

אין די תורה הקדושה זענען די יודן די עיקר, די עיקר היסטוריא איז די יודישע חלקים, די גוישע חלקים, עשיו מיט זיינע אלופים, אלע ענינים פון ישמעאל וכדומה, די אלע זאכן זענען נאר פון ארום ארום. אזוי לעבט א יוד היסטוריא, די יודישע חלקים איז די פינטל און די עיקר, און די גוישע חלקים איז פון ארום ארום.

די תורה זאגט אין פרשת האזינו זכור ימות עולם וגו', בהנחל עליון גוים בהפרידו בני אדם יצב גבולות עמים למספר בני ישראל'. גלייך נאכן מבול ווען די אומות העולם האבן זיך צוטיילט און צושפרייט אויף די וועלט, און אויך נאכדעם ביי דור הפלגה וואס מ'איז געווארן גאר שטארק צוטיילט, דעמאלטס האט שוין דער אייבישטער אינזונען געהאט אז די יודן זענען די נקודה הפנימי, און די שבעים אומות זענען פון ארום ארום.

## היסטוריא איז 'נעגעטיוו' געגויגט

געוועגטליך איז 'היסטוריא' מער 'נעגעטיוו' געגויגט, מלחמות מגיפות וכדומה, ווייל כדי צו קענען שפירן די 'עצם החיים' פון יארן צוריק, מוז די 'נפש' שפירן די 'שינויים' וואס זענען דארט געווען, און דורך דעם קען מען נאכדעם שפירן די 'עצם החיים' וואס איז דארט געווען. אויך האבן די נעגעטיווע חלקים מער 'דיבורים', די טאג טעגליכע לעבן האט נישט אזוי סאך 'דיבורים', מ'טוט די זעלבע ווי נעכטן אייער נעכטן וכו', ביי די 'טוישינגען' און 'טשעינדזשעס' דארטן איז דא אסאך דיבורים.

און דאס איז בכלל א יסוד אינעם נפש, א עושר למשל, פילט נישט אזוי שטארק אלע זיינע מליאנען דולארן, ער פילט נאר דארטן ווי ער האט טשעלינדזשעס, ער פילט די לעצטע מיליאן וואס דארט איז עולה ויורד, דארט ריקט זיך א מליאן ארויף א מיליאן אראפ, דאס איז די טבע פונעם נפש אז ער פילט אלעמאל נאר די 'סוף הגבול', דארטן איז ער פארנומען צו שאצן ווי אזוי די זאכן ריקן זיך. און אזוי איז עס אין יעדער זאך, אז דער מענטש דארף האבן די נעגעטיווע זייט צו קענען מרגיש זיין די גוטע זייט.

איז כל שכן ווען ער וויל צוריק גיין און פילן די חיים פון צענדליגע און הונדערטע יארן צוריק, איז דאס גרינגער ווען מ'זעט קודם די 'נעגעטיווע' זייט, מ'זעט די סוף הגבול פון די חיים פון יענע יארן, און פון דעם קען מען זיך אויפהייבן צו זען נאכדעם די עצם החיים.

און לאמיר נישט פארגעסן וואס איז די תכלית פון 'היסטוריא', די פסוק זאגט 'זכור ימות עולם בינו שנות דור ודור, שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך', די תכלית איז זיך אפצולערנען פון די פריערדיגע דורות, געדענקן ווי נאנט אונז זענען געווען צום אייבירשטן, 'בהנחל עליון גוים וגו'', געדענקן אז אויב מ'האט געהוטן תורה ומצוות איז גוט געווען, און ווען נישט איז געווען שלעכט, פון געוויסע דורות לערנט מען זיך וואס יא, און פון געוויסע דורות לערנט מען זיך וואס נישט.

און אזוי ווי א מענטש ביי זיך אליינס בויט זיין 'חכמת חיים' אויף זיין 'עבר', ווי די חז"ל זאגען 'אין חכם כבעל נסיון', אזוי אויך די וועלט בויט אויף די 'וועלטס עבר', כדי נישט איבערצומאכן די זעלבע טעותים, די היסטוריא איז נאר אינטערסאנט אויב מ'נוצט עס עפעס למעשה (מיט די מלחמות האט די וועלט געמיינט אז מ'האט זיך שוין געלערנט אויף די אלטע טעותים, מער גייט שוין נישט זיין קיין מלחמות, מלחמות באלאנגט פאר די אלטע פרימיטיבע דורות, אבער מ'זעט אז ס'גייט עפעס נישט, אפשר האט די וועלט זיך נאכנישט גענוג געלערנט).

**די פשוט'ע וועג פון רעדן 'היסטוריא' איז על הסדר, מ'גייט אויף די סדר השנים, מ'גייט אדורך די גאנצע סדר, מ'קען אנפאנגען פון 'ששת ימי בראשית' און גיין ווייטער, איין יאר נאכן צווייטן, וואס איז געווען די ערשטע יאר, די צווייטע יאר, און אזוי ווייטער און ווייטער**

אָן ווען דער 'נרצח' בעט דעם 'רוצח', ביי א יוד איז 'רציחה' אסור בעצם, ביי א גוי איז דער 'רציחה' א בין אדם לחבירו, און אויב דער 'נרצח' וויל איז נישט דא קיין רציחה. וואס מ'פארשטייט דאס גוט מיט וואס מ'האט געשמועסט אז 'שפיכת דמים' ביי די שבע מצות גייט צו מער געפיליש, און געפיליש אויב דער 'נרצח' וויל עס איז דאס נישט קיין רציחה. (ידוע השאלה בחולה שכבר אבד ההכרה צו מ'מעג אים אויספלאגען, לויט דער אגרות משה אויב יענער וויל עס, וועט נישט זיין קיין איסור ביי א גוי, ס'וועט נישט זיין קיין איסור מצד די שבע מצות).

## ◆ שפיכת דמים במלחמה

אין די וועלט איז דא א אויסדריק אז מלחמות זענען 'מנהגו של עולם', ווי סאך 'מלחמות' זענען סותר מנהגו של עולם, אבער פארט שפירט זיך עפעס אז דאס איז 'מנהגו של עולם', ווי איינער זאגט 'מציאות איז מציאות'. שטעלט זיך די שאלה, איז 'מלחמות' אין כלל פון 'שפיכת דמים', אדער מ'קען אפשר זאגען ביי דעם 'דינא דמלכותא דינא', ס'איז א חלק פון די סיסטעם פון די מלכים און אומות, אפשר איז עס א לייכטערע 'שפיכות דמים'.

איז ווען ס'קומט צו כלל ישראל איז דאס א עקסטערע גרויסע סוגיא, אין מסכת סנהדרין איז א גרויסע סוגיא די דריי דרגות במלחמות, מלחמת מצוה חובה ורשות, 'מלחמת מצוה וחובה' איז דאך פשוט נישט דא קיין 'שפיכת דמים', און אפילו 'מלחמת הרשות' וואס איז אנטקעגען גוים 'עובדי עבודה זרה', איז דאס א עקסטערע נושא (עי' חזון איש ועוד הרבה דמלחמת הרשות אסור נגד גוים שקבלו את השבע מצוות). אונזער שאלה דא איז, די אלע מלחמות פון די גוים, למשל די מלחמה 'בימי אמרפל', די מלחמה פון סיחון מיט מואב, און אזוי ווייטער אלע הונדערטע בלוטיגע מלחמות אין די היסטוריא, איז דאס בסתירה מיט די 'שבע מצות' אדער נישט.

דער הייליגער נציב אין העמק דבר די וואך (בראשית ט ה) שרייבט אז מלחמות איז מותר, מלחמות איז נישט אין כלל פון 'שפיכת דמים', ער איז עס מדייק פון פסוק 'מיד איש אחיו', ווען ווערט דער מענטש נענש ווען ס'קומט זיך צו פירן באחוה, מה שאין כן בשעת מלחמה וואס ס'קומט זיך צו פירן מיט שנאה, 'עת לשנוא ועת להרוג', דאן ווערט מען נישט נענש, און זיין לשון איז 'כי כן נוסד העולם', אזוי איז די וועלט אוועקגעשטעלט געווארן ס'זאל זיין מלחמות, און נישט אויף דעם איז די איסור 'שפיכת דמים' ביי א בן נח.

און ער ברענגט א ראיה צו דעם פון די גמרא אין מסכת שבועות (לה, וגיטין דף י ע"א), די גמרא זאגט אז א מלכות וואס הארגעט ביז א זעקסטעל ווערט נישט נענש, און תוס' זאגט דארטן אז דאס מיינט 'בשעת מלחמה'. איז באמת דער מהרש"א דארט (שבועות לה עב בחידושי הלכות) לערנט אז דאס רעדט זיך ביי א מלחמה פון די יודן, אבער דער חתם סופר (תשובות, אורח חיים סימן רח, ובחו"מ סימן מד) און נאך אסאך לערנען די גמרא כפשוטו אז דאס איז ביי א מלחמה פון די גוים, די גוים ווערן נישט 'נענש' אויף מלחמות, ווילאנג דאס גייט צו אויף א נארמאלע אופן, וואס דאס איז ביז א זעקסטעל טויטע פון די מדינה (עי"ש בחת"ס דאי אפשר לומר דהיא שית מעלמא, ובהכרח דהיינו שית מהמדינה).

און דער חתם סופר איז עס מסביר אלץ 'דינא דמלכותא דינא', ווי מ'זעט אין גמרא אין גיטין אז 'כיבוש מלחמה' איז א קנין פארן 'כובש', די קרקעות און די 'שבויי מלחמה', אלעס ווערט נקנה פארן מלך אלץ 'דינא דמלכותא דינא'. איז דער הייליגער חתם סופר האלט אז דאס איז נישט נאר נאכן כובש זיין, אלץ 'מציל מזוטו של ים' אדער אלץ 'הפקר בית דין הפקר', נאר דאס איז אפילו לכתחלה, ס'איז נישט דא ביי מלחמות די עונש פון 'שפיכת דמים', ווייל דאס איז כאילו ווי א חלק פון די מציאות המלכות אין א מדינה, אלע מלחמות מיט אלע מדינות ארום ארום.

ענדליך צו דעם טרעפט מען אין תשובת אמרי אש, דער אמרי אש (סימן נב) האט א אינטערסאנטע שאלה צו א יוד מעג זיך פארדינגען פאר 'שכירי חרב', צו ער מעג זיך פארדינגען ארויס צו גיין אין מלחמה, אדער זיך מנדב זיין ארויסצוגיין אין די גויישע מלחמות, צו דאס הייסט 'מאבד עצמו לדעת'. און ער זאט דארטן אז א יא א יוד מעג דאס טון, און ער ברענגט זיך א ראיה פון 'מלחמת הרשות' פון די יודן, פארוואס איז נישט דא ביי דעם קיין איסור פון 'ונשמרתם' וכו', אלא מאי 'מלחמה' איז עפעס אנדערשט, מלחמה איז מער 'מנהגו של עולם', מלחמה איז נישט ממש 'שפיכת דמים'. (גם הנצי"ב שם מביא ראיה ממלחמת הרשות של בני ישראל, וכן מאריך בהעמק דבר דברים פרק כ פסוק ח, אבל באמת 'שאני התם' שלוחמים נגד עובדי עבודה זרה, ובזהירות ברשות הסנהדרין, ויש להאריך).

אבער מ'דארף באטאנען און ס'איז א דבר פשוט אז דאס איז נאר ביי א מלכות וואס איז אנגענומען אין די וועלט פאר א נארמאלע מלכות, אבער א מלכות וואס איז א באנדער רוצחים, ווי ס'איז באקאנט פון ר' משה פיינשטיין אויף די 'קאמעניסטן', און די זעלבע זאך די 'מיסלעמענער טעראר גראפעס', וואס די אלע קומען נישט 'בדרך מלכות' פון כובש זיין, זיי קומען גראד הארגענען, ביי זיי איז נישט דא 'דינא דמלכותא דינא'.

דאס הייסט אז ווען ס'איז דא א 'מלכות' וואס קומט ארויס מיט כובש זיין, און גראדע ווערן אויך געהארגעט מענטשן, אויף דעם איז דא א שיעור פון 'מלכותא דקטלא עד שית וכו', אז ס'ווערט געהארגעט ביז א זעקסטעל איז דאס נאך נארמאל, אבער די 'חברה', די רוצחים, וואס זיי קומען אויפציעל צו אויסהארגענען יעדעם איינעם, צו הארגענען יעדער וואס האלט נישט ווי זיי, דאס האט גארנישט מיט 'דינא דמלכותא', דאס האט גארנישט מיט 'מלחמות', דאס זענען פשוט 'באנדעס' פון רוצחים לכל דבר, והדברים פשוטים.


**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. 972-52-763-3424+